גליון 205
ראה תשפ"ד
ר"ת: אומן ראש השנה



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

# דִי טֻמְאָה וָואס אִיז אַיינְגֶעזִינְקֶען

**אִין שְׁטָאט אוּסְטְרָהָא וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען רָב**. פְלֶעגְן דִי גוֹיִם זֵייעֶר דֶערְצֶערֶענֶען דִי אִידְן, בִּפְרָט וֶוען מֶען הָאט אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט אַ טוֹיטְן מֶענְטְשׁ צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, הָאט מֶען גֶעמוּזְט דוּרְכְגֵיין דוּרְךְ זֵייעֶרֶע טֻמְאוֹת צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם אִידִישְׁן בֵּית הַקְבָרוֹת. בַּיים בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֵת פְלֶעגְן דִי גוֹיִם אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶרֶע קְלוֹיסְטֶערְס צוּ וַוארְפְן שְׁטֵיינֶער אוֹיף דִי אִידְן אוּן זֵיי שְׁלָאגְן, דָאס הָאט זִיךְ לַיידֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּילְט בַּיי יֶעדֶע לְוָיָה, בִּיז אֵיין מָאל בְּשַׁעַתְ'ן בַּאגְלֵייטְן אַ מֵת זֶענֶען אַלֶע אִידְן אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁרֶעק פוּן דִי גוֹיִם וֶועלְכֶע הָאבְן טוֹיט גֶעשְׁלָאגְן אַלֶע אַרוּמִיגֶע אוּן לַיידֶער אִיז דֶער מִטָּה וואוּ עֶס אִיז גֶעלֶעגְן דֶעם מֵת גֶעבְּלִיבְן לִיגְן פַארְשֶׁעמְט, נָאר שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען דִי אִידְן צוּרִיק אָפְּנֶעמֶען דֶעם מֵת צוּ בַּאעֶרְדִיגְן.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז בַּיי זַיין לְוָיָה וֶועט אוֹיךְ פָארְקוּמֶען דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן, הָאט עֶר דֶערִיבֶּער בַּאפוֹילְן פַאר עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן לֵייגְן אוֹיף דִי מִטָּה זַיין הֵיילִיגֶער חִבּוּר חִדּוּשֵׁי מַהַרְשָׁ"א אוֹיף שַׁ"ס, אוּן הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט אַז בַּיים אַרִיבֶּערְגֵיין דָאס פְּלַאץ וואוּ דִי גוֹיִם שְׁלָאגְן זָאלְן זֵיי זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ בְּלַייבְן שְׁטֵיין אוֹיף זֵייעֶר אָרְט.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, דִי גוֹיִם הָאבְן גֶעוואוּסְט אַז דִי אִידְן וֶועלְן יֶעצְט אַרִיבֶּערְפִירְן אַ גְרוֹיסֶער רָב, הָאבְן זֵיי זִיךְ נָאכְמֶער גֶעגְרֵייט צוּ בַּאפַאלְן דִי אִידְן מִיט אַ רַעַשׁ אוּן אַכְזָרִיּוּת, אָבֶּער דִי שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן שְׁטֵיין אוּן נִישְׁט אַנְטְלָאפְן וִוי דִי אַנְדֶערֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דִי צַוָואָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ"א אִיז גֶעוֶוען. הָאבְן דִי גוֹיִם זִיךְ גֶענוּמֶען קְרִיגְן מִיט דִי גִבּוֹרִים, וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען בִּיזְן הֵיילִיגְן בֶּעט פוּנֶעם מַהַרְשָׁ"א, הָאט זִיךְ דֶער מַהַרְשָׁ"א אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן גֶענוּמֶען בְּלֶעטֶערְן זַיין הֵיילִיגְן חִבּוּר פוּן מַהַרְשָׁ"א.

זֶעעֶנְדִיג אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּלָאפְן פוּן גְרוֹיס פַּחַד צוּ זֵייעֶר קְלוֹיסְטֶער, דֶער מַהַרְשָׁ"א הָאט וַוייטֶער גֶעבְּלֶעטֶערְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן בִּיסְלֶעכְוֵוייז זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד צוּזַאמֶען מִיט זֵייעֶר קְלוֹיסְטֶער, בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט אָנְגֶעזֶען אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען דָארְט אַ בִּנְיָן, אוּן אַלֶע הָאבְן קְלָאר גֶעזֶען דֶעם גְרוֹיסְן נֵס מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן.

**רֶבִּי בֶּן-צִיּוֹן אַפְּטֶער אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי דֶעם אָרְט אוּן דֶערְצֵיילְט אַז דִי גוֹיִם הָאבְן גֶעמַאכְט אַ צוֹים אַרוּם, אוּן דֶער פְּלַאץ וֶוערְט גֶערוּפְן 'דֶער קְלוֹיסְטֶער', אָבֶער דִי גוֹיִם לָאזְן קֵיינֶעם נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף דֶעם אָרְט.** (שיש"ק תק"ל)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (8)

**אַ טֵייל הָאבִּין גִּיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דֶער דִּיבּוּר.** וָוארִין דֶער חִילוּק פוּן אַ מֶענְשׁ בִּיז אַ בְּהֵמָה. אִיז זִיךְ נָאר דֶער דִּיבּוּר. אוּן אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה. אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס דֶער עִיקָר תַּכְלִית (דְהַיְינוּ דֶער דִיבּוּר) **הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִּיזוּכְט אַ דַבְּרָן** (דְהַיְינוּ אַ רֵיידִיר) וָואס עֶר זָאל זַיין אַ בַּעַל לָשׁוֹן. וָואס עֶר זָאל קֶענֶען כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. אוּן עֶר זָאל אַסַאךְ רֵיידִין תָּמִיד. וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית. **זֶענֶען זֵיי גִּיגַאנְגֶען.** אוּן הָאבִּין גִּיפוּנֶען אַ מְשׁוּגֶענִים פְּרַאנְצוֹיז וָואס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּ זִיךְ אַלֵיין גִירֶעט. הָאבִּין זֵיי אִים גִּפְרֶעגְט. צוּ עֶר קֶען לְשׁוֹנוֹת. **הָאט עֶר גְּוואוּסְט** כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת אוּן אַזוֹי אַ מֶענְשׁ דֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין בְּוַודַּאי דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית. (נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע פַּארְפִירְטֶע דֵעָה נָאךְ) וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ בַּעַל לָשׁוֹן אוּן עֶר וֵוייסְט כַּמָּה לְשׁוֹנוֹת. אוּן עֶר רֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ. וָוארִין עֶר רֶעט זִיךְ אַפִילוּ צוּ זִיךְ אַלֵיין. אִיבֶּער דֶעם. אִיז עֶר זֵיי ווא‍ויל גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִּינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. **אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין** אַ מְדִינָה וָואס זֵי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַּאי גִיפִירְט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִּיזָאגְט. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז שִׂמְחָה.** וָוארִין אַז אַ קִינְד וֶועט גִיבּוֹירִין. אִיז מֶען פְרֵייליךְ אַז סֶע אִיז אַ חֲתוּנָה אִיז מֶען פְרֵייליךְ. אַז מֶען נֶעמְט אָפּ אַ מְדִינָה. אִיז מֶען פְרֵייליךְ. **נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר תַּכְלִית** פוּן אַלִימֶען נָאר שִׂמְחָה. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי גִּיזוּכְט אַ מֶענְשְׁן וָואס עֶר זָאל תָּמִיד פְרֵייליךְ זַיין. וָוארִין דֶער אִיז זִיךְ בַּאם תַּכְלִית. אוּן דֶער קֶער צוּ זַיין מֶלֶךְ אוֹיף זֵיי. **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** זוּכִין הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן סֶע גִיגַאנְגֶען אַ גוֹי אִין אֵיין מִיאוּס הֶעמְד אוּן הָאט גִיטְרָאגִין אַ פְלֶעשִׁיל בְּרַאנְטְוַויין. אוּן סֶע זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען כַּמָּה גוֹיִים. אוּן דֶער גוֹי אִיז זֵייעֶר פְרֵייליךְ גִיוֶוען. וָוארִין עֶר אִיז זֵייעֶר שִׁיכּוֹר גִיוֶוען. **הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן** אַז דֶער גוֹי אִיז זֵייעֶר פְרֵייליךְ אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם דַאֲגָה נִיט. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר ווא‍ויל גִיפֶעלִין דֶער גוֹי. וָוארִין עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית. וָוארִין דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ נָאר שִׂמְחָה. **הָאבִּין זֵיי דֶעם גוֹי אוֹיף גִינוּמֶען** פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי. אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַּאי גִיפִירְט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין. דְהַיְינוּ דָארְט ווִי וַויין גֶערְטְנֶער זֶענֶען אַז מֶען זָאל מַאכִין וַויין אוּן פוּן דִי קֶערִינְדְלִיךְ פוּן דִי וַויין טְרוֹיבִּין. זָאל מֶען מַאכִין בְּרַאנְטְוַויין. אוּן סֶע זָאל גָאר נִיט גֵיין לְאִבּוּד קֵיין שׁוּם זַאךְ פוּן דִי וַויין טְרוֹיבִּין. **וָוארִין דָאס אִיז זִיךְ בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר תַּכְלִית** גִיוֶוען אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען אוּן מֶע זָאל שִׁיכֶּרִין אוּן מֶע זָאל תָּמִיד פְרֵייליךְ זַיין. חָאטְשֶׁע מֶע וֵוייסְט גָאר נִיט מִיט וָואס. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט מִיט עֶפֶּעס פְרֵייליךְ צוּ זַיין. אִיז אָבֶּער פָּארְט בַּיי זֵיי דָאס דֶער עִיקָר תַּכְלִית גִיוֶוען אַז מֶע זָאל תָּמִיד פְרֵייליךְ זַיין. **אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה** וָואס סֶע קֶער דֶערְצוּ כַּנַּ"ל. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִּיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִיז חָכְמָה.** הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִיזוּכְט אַ גְרוֹיסִין חָכָם. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי קֶער צוּ חָכְמָה. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִּיזָאגְט. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז אַז מֶע זָאל זִיךְ פִּילֶעוִוין אִין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. מֶע זָאל גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים.** אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזוּכְט אַ בַּעַל אֵבָרִים. דְהַיְינוּ אַזוֹינֶער וָואס עֶר הָאט גְרוֹיסֶע אֵבָרִים. אוּן עֶר פִּילֶעוִויט זִיךְ צוּ גְרֵייסִין זַיינֶע אֵבָרִים. (דְהַיְינוּ דִי גְלִידֶער פוּן דֶעם גוּף). **וָוארִין וַוייל עֶר הָאט גְרוֹיסֶע אֵבָרִים** הָאט עֶר זִיךְ מֶער חֵלֶק אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין עֶר פַארְנֶעמְט מֶער אָרְט אִין דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער מֶענְשׁ אִיז נֶעהְנְטֶער צוּם תַּכְלִית. וָוארִין דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ. אַז מֶע זָאל גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים. אִיבֶּער דֶעם. אַזוֹי אַ מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ לַאנְגִין וֵוייִנְגֶער. אִיז עֶר זֵיי גִיפֶעלִין וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ בַּעַל אֵיבָרִים. אוּן עֶר אִיז בַּאם תַּכְלִית הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.




און סֶע גִיוֶוען אֵיין אַנְדֶערֶע כִּתָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דִי אַלֶע זַאכִין זֶענֶען אַלֶע גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. נָאר דֶער רֶעכְטֶער תַּכְלִית אִיז. אַז מֶע זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און מֶען זָאל זַיין אֵיין עָנָיו און אַ שְׁפַל בֶּרֶךְ. (כְּלוֹמֶר מֶע זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִיט הַאלְטִין) וְכוּ'. און זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ בַּעַל תְּפִלָּה און זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי




(דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַלֵיין אַז דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַּ"ל הָאבִּין זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה גִיוֶוען און זֶענֶען אַלֶע פַארְפִירְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אִיטְלִיכֶע כִּיתָה אִין אִיר נַארִישְׁקֵייט דָארְךְ זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת און נַארִישְׁע גִידְרַאנְגֶען. נָאר דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע כִּיתָה דִי הָאבִּין צוּ גִיטְרָאפִין דֶעם רֶעכְטִין אֱמֶת. אַז וואוּיל אִיז זֵיי). דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. און עֶר הָאט אִים וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט. אַז זֵיי. (דְהַיְינוּ דִי גִיבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר כַּנַּ"ל) זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים כַּנַּ"ל (דְהַיְינוּ דִי כִּיתָה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר אַז מֶע זָאל זִיךְ פִּילֶעוִוין צוּ גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים) וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַּ"ל (דְהַיְינוּ אַ גְרוֹיסִין מֶענְטְשְׁן כַּנַּ"ל).

וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיגַאנְגֶען אַ מַחְנֶה פוּן זֵיי (כְּלוֹמֶר סֶע גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם אַסַאךְ מֶענְשְׁן פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים) מִיט דֶעם אִיבַּאז וָואס מֶע הָאט זֵיי נָאךְ גִיפִירְט עֶסִין און טְרִינְקֶען און דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכִין. און פַאר דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים.

הָאט דִי וֶועלְט בְּוַודַאי זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען גְרוֹיסֶע מֶענְשְׁן און גִבּוֹרִים. און וֶוער סֶע הָאט זֵיי בַּאגֶעגִינְט. הָאט זֵיי בְּוַודַאי אָפּ גִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג.

דֶערְוַוייל. ווִי דִי מַחְנֶה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים זֶענֶען אַזוֹי גִיגַאנְגֶען. אִיז זֵיי אַקֶעגִין גִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר. און דֶער גִבּוֹר הָאט זֵיי נִיט אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. און עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מַחְנֶה אַרַיין. און עֶר הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט (מִיט דִי הֶערְס) אַהִין און אַהֶער.

און דִי לַייט פוּן דֶער מַחְנֶה הָאבִּין פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט. און עֶר (דְהַיְינוּ דֶער גִבּוֹר) אִיז זִיךְ אַרַיין גִיגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי וֶועגִילֶעךְ הַנַּ"ל וָואס זֵיי זֶענֶען זֵיי נָאךְ גֶעגַאנְגֶען. און עֶר הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין אַלְדִינְג וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ וִוילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען (וָואס דֶער אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר וָואס עֶר הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר זֵיי און אִיז צְווִישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען און הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין גָאר וָואס סֶע גִיוֶוען אוֹיף דִי וֶועגִילֶעךְ)

זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶּף פַאר אִים אַנִידֶער גִיפַאלִין. און הָאבִּין גְזָאגְט תֵּיכֶּף. יְחִי הַמֶּלֶךְ (כְּלוֹמֶר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶּף אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ) וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה. נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז דֶער וָואס עֶר אִיז אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַּ"ל. און דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִים בְּוַודַאי מוֹחֵל זַיין דִי מְלוּכָה.

וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה ווַייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר אַזוֹי אַ בַּעַל אֵבָרִים. און אַזוֹי אִיז גִיוֶוען. זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. (דְהַיְינוּ דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז זֵיי גִיקוּמֶען אַ קֶעגִין כַּנַּ"ל). און דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר וָואס מִיר גֵייעֶן הַיינְט מִיט אִים אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. און עֶר זָאגְט (דְהַיְינוּ דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז דָא מֶלֶךְ גִיוָוארִין אוֹיף זֵיי) אַז עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דֶערְמִיט וָואס עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט וָוארִין עֶר מֵיינְט גָאר נִיט דָאס אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים. נָאר עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט. אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. ווִי אַזוֹי זֵיי קוּמֶען צוּם אוֹיף מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר עֶס אִים דָאס אַלְץ גִיעֶנְפֶערְט).

הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. מִיט וָואס אִיז זַיין גְבוּרָה פוּן דֶעם גִבּוֹר. וָואס עֶר אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הַיינְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר אֵיין מְדִינָה הָאט זִיךְ נִיט גִיוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים.

הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען זַיין שְׁוֶוערְד וָואס עֶר הָאט און דִי שְׁוֶוערְד הָאט דְרַיי כּוֹחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט זִי אוֹיף אַנְטְלוֹיפִין אַלֶע שָׂרִים פוּן דִי חַיָּילוֹת (דְהַיְינוּ אַלֶע עֶלְצְטֶע) וְכוּ' (און הָאט אוֹיסְגִירֶעכִינְט דִי דְרַיי כּוֹחוֹת וָואס אוֹיבִין אִיז גִישְׁטַאנֶען. וָואס פוּן דָארְט הָאט דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ גִינוּמֶען גְבוּרָה כַּנַּ"ל)

ווִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל.

# לאמיר זיך פארהערן

נאמען: ____________



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (8)

**א. ווען האבן געמונען די פינעפטע כתה פאר א קעניג?**

- ☐ איינער וואס קען הויך רעדן
- ☐ איינער וואס קען הויך שרייען מיט א שטיל קול
- ☐ א משוגענעם פראנצויז וואס רעדט צו זיך

**ב. ווען האבן געמונען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית שמחה?**

- ☐ א גוי א שיכור
- ☐ א מענטש וואס פלעגט משמח זיין אלמנות און יתומים
- ☐ א מענטש וואס פלעגט לאכן א גאנצן טאג

**ג. מיט וואס האבן זיי זיך געפריידט?**

- ☐ אז זיי האבן געטראפן א פאסיגן קעניג
- ☐ מיט אמונה און נקודות טובות
- ☐ זיי האבן גאר נישט מיט וואס זיך צו פרייען

**ד. ווען האבן געמונען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית חכמה?**

- ☐ א זוהן פון א חכם
- ☐ א תלמיד חכם
- ☐ א גרויסן חכם

**ה. פארוואס האט די אכטע כתה געהאלטן אז דער תכלית איז גרויסן די איברים?**

- ☐ ווייל ער האט מער חלק אין דער וועלט
- ☐ ווייל ער האט מער כבוד
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט געזאגט די ניינטע כתה אז דער תכלית איז?**

- ☐ נאר צו עוסק זיין אין תפלה צו השי"ת
- ☐ צו זיין א עניו און שפל ברך
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. ווען האבן זיי קודם געטראפן פאר א קעניג?**

- ☐ זיי האבן נישט געטראפן
- ☐ אונזער בעל תפלה
- ☐ עפעס א בעל תפלה

**ח. וועלכע פון די אלע כתות האבן געטראפן די אמת?**

- ☐ אלע כתות האבן זיך טועה געווען
- ☐ נאר די כתות פון שמחה און תפילה
- ☐ נאר די כתה פון תפילה

**ט. פון וועלכע כתה זענען געווען די מענטשן פון גבור?**

- ☐ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז רציחה
- ☐ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז צו גרויסן די איברים
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

און זיי האבין זיך גיזוכט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... **ביי וועלכע כת שטייט נישט אז זיי האבן געזוכט א לאנד וואס זי זאל קערין דערצו ?**

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

און זיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... **ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואס זיי האבן זיך באזעצט ? די כת פון רציחה**

**באצייכן אויף יעדע איינע פון די פיר לשונות, אויף וועלכע כת האט עס דער רבי געשריבן**

און זַיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ - עֶר עֶסְט נָאר אֵיידְלֶע זַאכִין.

און זַיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין - דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן

און זַיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... - רציחה

הָאבִּין דִי כִּיתָה גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם און מְסוּגָל צוּ... - כבוד


דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com